**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנאר האוקול אנאנסירט עפענונג פון א נייע 80 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין קווינס**

***׳דע קיראַ׳ שטעלט צו 139 איינהייטן פון צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג אין דזשעמעיקע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט דאס עפענען פון א 80 מיליאן דאלארדיגע צוגענגליכע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין דזשעמעיקע, קווינס. דאס האט אריינגענומען א ניי-געבויטער, 21-שטאקיגער געמישטע-באניץ געביידע מיט 139 יוניטס פון צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג, אריינגערעכנט 69 מיט שטיצע סערוויסעס.

״שטיצנדע האָוזינג איז א קריטישער שטאנדטייל אין אונזער ארבעט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן א זיכערן, צוגענגליכן ארט אנצורופן א היים,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״׳דע קיראַ׳ וועט פארזארגן פאר פרויען וועלכע האבן מיטגעמאכט היימלאזיגקייט און שטוב-געוואלדפארברעכנס גרינגע צוטריט צו די שטיצע און סערוויסעס וואס זיי דארפן האבן און וואס קומט זיך זיי אויף צו קענען בויען בעסערע לעבנס פאר זיך און זייערע קינדער.״

׳דע קיראַ׳ איז א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס ברייט-ארומנעמיגע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. אין דעם פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט, האט די גאווערנער פארגעשלאגן און ערפאלגרייך געשאפן, א נייעם 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן אלץ-ארומנעמענדן האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג פארזארגונג דורך שאפן אדער היטן 100,000 צוגענגליכע וואוין-ערטער לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער עמפינדליכע איינוואוינער, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 דירות.

געבויט דורך ׳ניו דעסטיני האָוזינג׳, ׳BFC פּאַרטנערס׳ און ׳SMJ דעוועלאפמענט׳, אנטהאלט ׳דע קיראַ׳ 38 סטודיא דירות, 64 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות און 37 צוויי-שלאפצימערדיגע דירות, אריינגערעכנט איינס אוועקגעלייגט פאר אן אויפ׳ן-ארטיגע געביידע סופעראינטענדענט. א סך הכל פון 32 פון די איינציג-שלאפצימערדיגע און 37 פון די צוויי-שלאפצימערדיגע דירות וועלן אוועקגעלייגט ווערן פאר איבערלעבער פון שטוב-געוואלדפארברעכנס מיט איינקונפט ביז 40 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפט אין דעם געגנט. די איבעריגע דירות זענען אוועקגעלייגט פאר הויזגעזינדער מיט איינקונפט ביז 80 פראצענט פון דעם AMI.

באקוועמליכקייטן רעכענען אריין א קינדער׳ס פארוויילונג צימער, איבונגען צימער, לאָנדרי איינריכטונגען און דרויסנדיגע פארוויילונגס ארט. דער פראיעקט שטעלט אויך צו איבער 5,000 סקווער פיס ריטעיל געשעפטן פלאץ אויפ׳ן ערשטן שטאק. עס איז אויך דא א געווידמעטע קאמיוניטי צימער און אפיסעס פאר אויפ׳ן-ארטיגע שטיצע פראגראמען און שטיצע האוזינג שטאב.

׳דע קירא׳ ענערגיע-גינציגע אויסשטעל און אייגנשאפטן קומען נאך ׳ענטערפרייז גרין קאמיוניטיס׳ באשטעטיגונג און דעם ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ האָוזינג פינאנץ אגענטור מאנדאטארישע גרינע און ענערגיע באשטעטיגונג סטאנדארטן.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבילטי הילף שטעלט צו 1.7 מיליאן דאלער יערליך אין אפעראציע פינאנצירונג פאר די שטיצע סערוויסעס דורכ׳ן עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו.

סטעיט פינאנצירונג פאר ׳דע קירא׳ האט אריינגערעכנט 19.2 מיליאן דאלער אין קביעות׳דיגע שטייער-גע׳פטר׳טע באָנדס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיט וועלכע האבן אויפגעטריבן 26.1 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט, און 29 מיליאן דאלער אין סובסידיע פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. זינט 2011, האט ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ אינוועסטירט איבער 11.49 ביליאן דאלער אין מולטי-פאמיליע געביידעס צו שאפן אדער אפהיטן איבער 42,300 צוגענגליכע היימען און דירות אין ניו יארק סיטי. באלד 4,000 פון זענען אין קווינס.

**ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״צו די פאמיליעס וועלכע רופן יעצט די 139 צוגענגליכע דירות זייערע היימען, איז ׳דע קירא׳ ווערד פיל מער ווי 80 מיליאן דאלער ריעל עסטעיט אינוועסטירונג. מיט א סטאבילע און צוגענגליכע דירה און צוטריט צו לעבנס-ענדערנדע שטיצע סערוויסעס, וועלן איינוואוינער קענען פאקוסירן אויף זייער אייגענע וואוילזיין און קוקן ארויס צו נייע געלעגנהייטן און צוקונפטיגע הצלחה. אינאיינעם מיט גאווערנער האוקול, ׳ניו דעסטיני האָוזינג׳ און אונזערע אנדערע צוזאמארבעטער, איז דער נייער דעוועלאפמענט דער פארקערפערונג פון אונזער מיטגעטיילטע אנטשלאסנקייט צו די געזונט און זיכערהייט פון אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבילטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״דורך צושטעלן זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג אינאיינעם מיט גרינגע צוטריט צו שטיצע סערוויסעס איז דער פראיעקט אן אויסגעצייכנטע עקזעמפלאר פון אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט לענגאויס ניו יארק סטעיט. ׳דע קירא׳ וועט בלי ספק האבן א פאזיטיווע ווירקונג נישט בלויז אויף די לעבנס פון די וועלכע וואוינען דארט נאר אויך אויף דעם גאנצן קאמיוניטי, און מיר גראטולירן ׳ניו דעסטיני׳ און אונזערע אנדערע צוזאמארבעטער אויף איר הצלחה׳דיגע פארענדיגונג.״

**׳ניו דעסטיני האָוזינג׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר ניקאל בראנקא האט געזאגט,** ״שטוב-געוואלדפארברעכנס מוזן אפטמאל זיך ווילן צווישן וואוינען אין סכנות׳דיגע אומשטענדן אדער ווערן היימלאז. די הערליכע נייע געביידע וועט ערמעגליכן פאר 69 היימלאזע פאמיליעס אנגעפירט דורך שטוב-געוואלדפארברעכנס איבערלעבער צו זיין מער אפגעהיטן און אנצוהייבן איבערצובויען זייערע לעבנס. און אונזערע אויפ׳ן-ארטיגע טראומא-אינפארמירטע סערוויסעס וועלן העלפן איבערלעבער בלייבן אפגעהיטן און סטאביל אין זייערע נייע שטובער. מיט דאנקען אונזערע פראיעקט צוזאמארבעטער SMJ דעוועלאפמענט און ׳BFC פּאַרטנערס׳, און פינאנצירער ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ און ׳וועלס פארגא׳, ווי אויך עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו וועלכס ערמעגליכט פאר אונז צוצושטעלן שטיצע פאר איבערלעבער און פארזיכערט אז רענטס זענען צוגענגליך.״

**הוואן באראהאנע, הויפט שותף פון SMJ דעוועלאפמענט, האט געזאגט,** ״׳דע קירא׳ס׳ גרענד אָפענינג איז דער הויכפונקט פון יארן אנגעהאלטענע ארבעט דורך אומצאליגע שטרויכלונגען. די קומען גארנישט צו צו וואס געוויסע פון אונזערע איינוואוינער האבן מיטגעמאכט אין נאכגעיעג פון זיכערע, צוגענגליכע, און קביעות׳דיגע האָוזינג. איך שטאלציר מיך צו האבן געשפילט א ראלע אין מאכן דעם

פראיעקט א ווירקליכקייט אינאיינעם מיט BFC׳ פּאַרטנערס׳ און ׳ניו דעסטיני׳. איך ווייס אז אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען האבן געברענגט א וויכטיגע מקום מנוחה אין הארץ פון דזשעמעיקע.״

**דאנלעד קעפאקאשע, פארוואלטונג שותף ביי BFC׳ פּאַרטנערס׳ האט געזאגט,** ״אלס א דעוועלאפער מיט א לאנגן רעקארד פון איבערגעגעבנקייט צוצושטעלן האָוזינג פאר ניו יארק סיטי׳ס מערסט אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג, איז מיר אן א ספעציעלע זכיה זיך צוצוקוקן ווי ׳דע קיראַ׳ס׳ נייע איינוואוינער ציען זיך אריין אין זיכערע, הויכע-קוואליטעט דירות וועלכע זיי קענען שטאלצערהייט אנרופן א היים. די האפענונג פון אונזער פילפארביגע דעוועלאפמענט מאנשאפט איז אז ׳דע קירא׳ דינט אלס מוסטער פאר צוקונפטיגע פארשריט, אזוי ווי די ארבעט צו פלאצירן ניו יארקער אין צוגענגליכע וואוין-ערטער זעצט פאר וייטער.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418